ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת


## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש


## ח״י אלול

**(חלק יט)**


יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים״

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושתים לבריאה

מאה ועשרים שנה להולדת כ״ק אדמו״ר זי״ע

# Likkutei Sichot

Copyright © 2022
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# ח"י אלול

א. אין דער שיחה פון ח"י אלול תש"ה[1], האָט כ"ק מו"ח אדמו"ר געזאָגט: ביי חסידים איז פאַראַן אַן אַלטער חסידי־שער וואָרט אין צוויי אויספּראַכן: א) ח"י אלול איז דער טאָג וואָס האָט געבראַכט און ברענגט אַ לעבן אין אלול. ב) ח"י אלול גיט אַ חיות אין דער עבודה פון אני[2] לדודי ודודי לי.

פון דעם וואָס כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט איבערגעזאָגט ביידע נוסחאות, איז מובן, אַז זיי זיינען ביידע אויסגעהאַלטן, און אין יעדן נוסח איז דאָ אַן אויפטו אין תוכן לגבי דעם צווייטן[*2] — דאַרף מען פאַרשטיין:

נאָכדעם ווי עס ווערט געזאָגט (אינעם ערשטן נוסח) אַז „ח"י אלול . . ברענגט אַ לעבן אין אלול (סתם)", מיינט דאָס אַז עס ברענגט אַ לעבן אין אַלע עניני אלול, כולל (די התעוררות אויף) אַלע סוגים אין עבודת ה' פון דעם חודש

— וועלכע זיינען מרומז, ווי גערעדט כמה פעמים[3], אין די ראשי־תיבות פון אלו"ל: „אנה לידו ושמתי לך"[4] (ערי מקלט) — תורה (כמחז"ל[5] דברי תורה קולטין); „אני לדודי ודודי לי" — קו העבודה, תפלה[6] (וואָס איז מחבר אידן מיטן אויבערשטן — „אני לדודי גו'"[7]); „איש לרעהו ומתנות לאביונים"[8] — גמ"ח; און „(ומל ה"א) את לבבך ואת לבב (זרעך)"[9] — ענין התשובה —

וואָס גיט צו נאָכדעם דער צווייטער נוסח, אַז „ח"י אלול גיט אַ חיות אין דער עבודה פון אני לדודי ודודי לי", וואָס איז בלויז איין סוג עבודה פון (די סוגים וועלכע זיינען מרומז אין די ר"ת פון) אלול?

ב. ויש לומר, אַז די צוויי נוסחאות וועגן דעם אויפטו פון ח"י אלול, זיינען בהתאם צו די צוויי מעלות פון דעם טאָג[10] אַלס דער יום הולדת פון די „שני המאורות הגדולים"[11]: יום הולדת פון דעם בעש"ט — מייסד פון תורת החסידות הכללית, יום הולדת פון דעם אַלטן רבי'ן — מייסד פון תורת חסידות חב"ד.

חסידות חב"ד, אע"פ אַז זי איז אַ המשך פון חסידות הכללית — אַראָפּ־טראָגן תורת החסידות אין אַן אופן אַז זי זאָל ווערן פאַרשטענדלעך אין חכמה בינה דעת, שכל האדם — האָט זי אַ חידוש מיוחד לגבי חסידות הכללית[12]

1) לקוטי דיבורים ח"ג ע' 946. ס' השיחות תש"ה ע' 122.

2) שה"ש ו, ג. — ר"ת אלול (אבודרהם סדר תפלת ר"ה. פע"ח שער ר"ה פ"א. שער הפסוקים עה"פ. ועוד).

*2) וראה בארוכה לקו"ש חכ"ט ע' 161 ואילך.

3) הקדמה לקונטרס צד (בסה"מ תיש"א). ליקוט „אלול" (קה"ת תשי"ד, תשל"ה, תש"מ). לקו"ש ח"ב ע' 396. ח"ט ע' 299. לעיל ע' 207. ועוד. וראה גם אלף למטה ר"ס תקפא.

4) משפטים כא, יג. שה"פ ול"ת עה"פ. פע"ח שם.

5) מכות י, א.

6) כ"כ גם באלף למטה שם. וראה עוד אופן בלקו"ש ח"ט שם (הערה 23).

7) וגם היא פולחנא דרחימותא („דודי") — ראה קונטרס העבודה פ"א וג'.

8) מג"א ט, כב. ספר ערוגת הבושם בשם ס' אמרכל.

9) נצבים ל, ו. בעה"ט עה"פ. אבודרהם שם.

10) ועפ"ז יומתק הקשר דהמשך השיחה דח"י אלול הנ"ל — ע"ד יום הולדת הבעש"ט ודאדה"ז.

11) לשון כ"ק מו"ח אדמו"ר בשם אביו — ס' השיחות תש"ג ע' 142, 146, 188. ועוד.

12) ראה ד"ה פדה בשלום תרפ"ה (בשם אביו

[ועד כדי כך איז דער חידוש, אַז דערצו האָט זיך געפאָדערט אַז דער מייסד (ומגלה) פון חסידות חב״ד – דער אַלטער רבי – זאָל זיין אַ נשמה חדשה, כידוע[13]; ביז ער ווערט אָנגערופן (ווי דער בעש״ט) „המאור הגדול"[14] (כנ״ל)].

ועד״ז איז עס בנוגע דעם ענין פון „אני לדודי ודודי לי": כאָטש אַז דאָס איז אַ פרט פון כלל הענין ד„אלול", טוט ער אויף אַ חידוש עיקרי אין דעם כלל, און אַלע עבודות פון אלול ווערן דורכדעם געטאָן אויף אַ העכערן אופן – וע״ד חידוש חסידות חב״ד לגבי און אין חסידות הכללית.

און דאָס איז דער ביאור פון די צוויי נוסחאות הנ״ל וועגן ח״י אלול:

דאָס וואָס ח״י אלול איז דער יום הולדת פון בעש״ט האָט אַריינגעגעבן אַ חיות אין אלול, ווייל חסידות הכללית גיט אַריין אַ חיות כללי אין עבודת ה׳, אַ חיות וואָס נעמט אַרום און נעמט דורך אַלע סוגי עבודה;

און מצד דעם וואָס ח״י אלול איז דער יום הולדת פון אַלטן רבי׳ן – מייסד תורת חסידות חב״ד – איז אַריינגעגעבן געוואָרן אַ חיות אין דער עבודה פון „אני לדודי ודודי לי" (און דורכדעם בכל סוגי העבודה), ווייל (דער חידוש פון) חסידות חב״ד איז פאַרבונדן במיוחד מיט דער עבודה, כדלקמן.

ג. די נקודת החילוק צווישן חסידות הכללית (דער בעש״ט) און חסידות חב״ד (דער אַלטער רבי) האָט כ״ק מו״ח אדמו״ר אַרויסגעבראַכט אין אַ קורצן פתגם[15]: דער בעש״ט האָט באַוויזן ווי מען דאַרף דינען דעם אויבערשטן, און דער אַלטער רבי האָט באַוויזן ווי מען קען דינען דעם אויבערשטן.

פון פשטות הלשון איז לכאורה משמע, אַז פון תורת הבעש״ט ווייס מען נאָר ווי אַזוי עס דאַרף זיין עבודת ה׳, אָבער ניט דעם דרך ווי מ׳קען דורכפירן די עבודה בפועל.

איז תמוה: ווי איז שייך צו זאָגן אַז דער בעש״ט האָט ח״ו ניט באַוויזן דעם וועג ווי צו זיין אַן עובד ה׳ בפועל? ואדרבא – דער בעש״ט האָט אויפגעשטעלט אַ ריבוי גדול פון תלמידים ותלמידי תלמידים עובדי ה׳ ע״פ דרך החסידות פאַר דער התגלות פון חסידות חב״ד, און אַזוי אויך – תלמידי תלמידיו אין דורות לאחרי זה, אויך די וואָס האָבן זיך ניט עוסק געווען (מאיזה סיבה וטעם שיהי׳) אין חסידות חב״ד. ביי זיי איז געוויס געווען (ניט נאָר די ידיעה ווי אַזוי מען דאַרף דינען דעם אויבערשטן, נאָר) עבודה בפועל ע״פ דרכי החסידות –

היינט וואָס איז דער פשט, אַז (דוקא)

---

כ״ק אדמו״ר מהורש״ב נ״ע – י״ט כסלו עטר״ת*) שבזה שהביא אדה״ז חסידות לידי השגה גילה עצם פנימיות התורה. וראה לקו״ש חט״ז ע׳ 38 ואילך. ולהעיר מס׳ השיחות תורת שלום (ע׳ 55) „דער אַלטער רבי הי׳ מסכת בפ״ע".

13) שיחת ח״י אלול הנ״ל (לקו״ד שם תעה, א ואילך. סה״ש תש״ה ע׳ 127 ואילך). וראה לקו״ת שה״ש (נ, א) בפירוש ענין נשמות חדשות. וש״נ.

14) להעיר מב׳ הפירושים בפסוק (בראשית א, טז) „שני המאורות הגדולים" – (א) שבתחילת הבריאה הי׳ אור הלבנה גדול כמו אור השמש. (ב) שאז היתה הלבנה „מאור" כמו השמש ולא מקבלת אור מהשמש (ראה בפרטיות ס׳ הערכים־חב״ד ע׳ אור הלבנה ס״א וס״ז (וראה שם ס״ח לענין אור הלבנה לעת״ל), וש״נ).

*) נדפס בסה״מ עטר״ת (הוצאת תשמ״ח) ע׳ תרעג.

15) „התמים" ח״ב ע׳ נח [עו, ב]. סה״מ תש״ח ע׳ 292.

**דער אַלטער רבי האָט באַוויזן ווי מען קען דינען דעם אויבערשטן?**

ד. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים, אַז כשם ווי מען געפינט בנוגע תורת החסידות — אַז פריער איז זי נמשך געוואָרן באופן כללי (חסידות הכללית) און דערנאָך איז זי אַראָפּגעטראָגן געוואָרן אין שכל (חב״ד) ובפרטיות — געפינט מען אויך עד״ז בנוגע צו כללות התורה:

דער אויבערשטער האָט געגעבן תורה — תורה שבכתב און „הלכות הנגלות לנו ולבנינו״[16] פון תורה שבעל פה[17] — צוזאַמען מיט די כללי התורה — מדות שהתורה (שבכתב) נדרשת בהן, ועד״ז בנוגע צו תושבע״פ (ווי צו דרש׳נען און אָפּלערנען פון פסוקים[18] און ווי זיך עוסק זיין אין „עומק טעמי ההלכות והפלפול בטעמיהן כו׳״[19]); און דערנאָך, דורך דעם לימוד התורה פון אידן (לויט די כללי התורה שניתנו למשה בסיני), ווערן נתחדש — דורך זייער יגיעה מיט זייער שכל — כו״כ ענינים בתורה, אויך „חידושי הלכות לאין קץ ותכלית״[19].

וואָס דאָס איז איינער פון די ביאורי מאמר חז״ל[20] „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש הכל ניתן למשה בסיני״ — דלכאורה איז דאָס אַ סתירה מיני׳ ובי׳: אויב „הכל ניתן למשה בסיני״, איז דאָס דאָך ניט קיין חידוש — היינט ווי זאָגט מען אויף דעם „עתיד לחדש״[21]?

אויך איז ניט מובן: ווי איז שייך צו זאָגן אַז משה רבינו האָט אין אַזאַ קורצן זמן דורכגעלערנט כל התורה כולה מיט אַלע חידושים פון יעדן תלמיד ותיק עד סוף כל הדורות (ובפרט אַז דאָס איז דאָך אויך כולל — דעם „חידוש תורה מאתי תצא״[22], תורתו של משיח[23], וואָס וועט זיין[24] בריבוי מופלג)[25]?

---

16) לשון אדה״ז בהל׳ ת״ת פ״א ס״ה.

17) ראה בארוכה רמב״ם בהקדמתו לפיה״מ בתחלתה. של״ה במס׳ שבועות (קצב, ב). וכמחז״ל (תו״כ ורש״י ר״פ בהר) דכל המצות כלליהן ופרטיהן ודקדוקיהן מסיני.

18) להעיר מזח״ג (רכא, א) לית לך מלה זעירא דלא תשכח לה באורייתא. וראה תענית ט, א.

19) הל׳ ת״ת שם.

20) ראה מגילה יט, ב. ירושלמי פאה פ״ב ה״ד. שמו״ר רפמ״ז. ויק״ר רפכ״ב. קה״ר פ״א, ט (ב). פ״ה, ח (ב). ועוד. וראה הנסמן בהערה הבאה.

21) בירושלמי ומדרשים שבהערה הקודמת לא נאמר הלשון „לחדש״ (כ״א „להורות״ „לומר״ וכיו״ב) [במגילה שם — „עתידין לחדש ומאי ניהו מקרא מגילה״, ולא קאי על הדינים הנלמדים ע״י פלפול וכיו״ב].

אבל כן הובא בכ״מ, ומהם: שו״ת רד״ך בית ה׳ חדר ג. שו״ת הרדב״ז ח״ג סי׳ אלף כ (תקצד). תורת העולה ח״ג פנ״ה. הקדמת ש״ך עה״ת (ג, ג). כתבי האריז״ל שצויינו לקמן הערה 26. או״ת להה״מ ר״פ תולדות (יא, ג). תניא קו״א ד״ה ולהבין פרטי ההלכות. ועוד. ולהעיר שגם בירושלמי ויק״ר וקה״ר (פ״א) שם הובא ע״ז הפסוק (קהלת א, י) ראה זה חדש גו׳. ובויק״ר הוצאת מרגליות מביא גירסא (מכת״י) בויק״ר שם — „עתיד לחדש״. וכן הובא במטה משה שער ב׳. והגר״א גריס כן גם בירושלמי שם.

22) ויק״ר פי״ג, ג.

23) כמאמר הידוע (המשך תרס״ו ע׳ כג. תקמו. ועוד) שמ״ת לא יהי׳ עוד הפעם.

24) להעיר מהידוע (ד״ה וידבר (הב׳) תרצ״ט בתחלתו וסופו. ועוד) דזה שמשיח יוכל ללמוד תורה את כל העם כולו אף שיהיו ריבוא רבבות אנשים כו׳ הוא מפני שיהי׳ לימוד במדריגת הראי׳,

ע״ד הא שהאריז״ל שמע בב׳ או ג׳ שעות מה שלא יכול לפרש בדבור בשמונים שנים רצופים יומם ולילה (פע״ח שער ק״ש שעל המטה פ״א) כי השגתו היתה בבחי׳ ראי׳ (לקו״ת צו יז, ב. ובכ״מ).

ומזה מובן ג״כ שאין לתרץ השאלה שבפנים, כי משה קיבל התורה באופן של ראי׳ — כי מכיון שבסיני ניתנה גם תורתו של משיח, ש(גם) לימודו הוא באופן של ראי׳, ובמשך שנים רבות, הרי אאפ״ל שמשה למד כל זה בפועל (אף ע״י ראי׳) במשך ארבעים יום גו׳.

25) וביותר קשה ע״פ מחז״ל (מנחות כט, ב) הובא לקמן בפנים.

איז איינער פון די ביאורים אין דעם, כנ"ל: משה רבינו האָט מקבל געווען תושב"כ און תורה שבע"פ מיט אַלע כללי התורה[26] ווי אַרויסצולערנען פון זיי כו"כ פרטים — ע"ד הפשט הרמז הדרוש והסוד — און דער תלמיד ותיק לערנט און נעמט אַרויס בפועל די פרטי השקו"ט הפלפול וכו' ביז צום דין פרטי — פון דעם כלל[27]; און דעריבער איז עס אַ חידוש (וויבאַלד אַז משה האָט בפועל דעם ענין פרטי ניט געלערנט, ובלשון חז"ל[28] אַז משה „לא הי' יודע" די „תילין תילין של הלכות" וואָס ר' עקיבא האָט גע'דרש'נט);

וויבאַלד אָבער אַז אַלע חידושים אין תורה מוזן זיין געבויט אויף די כללים וואָס משה האָט מקבל געווען בסיני, קומט אויס אַז „הכל ניתן למשה בסיני" — אַלץ איז שוין געווען כלול (בהעלם עכ"פ) אין דער תורה ווי זי איז געווען ביי משה'ן[29].

ובכ"ז דאָס וואָס דער תלמיד ותיק האָרעוועט אויס מיט זיין שכל צו מגלה זיין אַן ענין פרטי פון תושבע"פ (לויט די כללי התורה), טוט ער דערמיט אויף אַ חידוש אין תורה; און דאָס ווערט אַן ענין עיקרי אין תלמוד תורה, ויתרה מזו: עס איז אַ חיוב אויף „כל איש ישראל"[30] — ניט נאָר צו לערנען דאָס וואָס שטייט שוין אין ספרים וכו', נאָר אויך „לחדש . . הן בהלכות הן באגדות הן בנגלה והן בנסתר"[30] [און נאָך מער: יעדער איד האָט אַ חלק אין תורה וואָס ער דאַרף מחדש זיין, וואָס אין דעם איז תלוי די שלימות פון זיין נפש[31]];

און עד"ז איז דאָס אינעם ענין פון חסידות חב"ד (אַראָפּטראָגן חסידות אין שכל), אַז כאָטש דאָס איז לכאורה אַ פרט פון חסידות הכללית, ווערט אָבער דער־מיט אויפגעטאָן אַ חידוש וחידוש עיקרי אין חסידות.

ה. פאַרוואָס ווערט טאַקע דער לימוד התלמיד ותיק אָנגערופן בשם „חידוש"? אמת טאַקע אַז משה האָט בפועל ניט געלערנט יעדן ענין ודין אין אַ פּרטיו־ת'דיקן אופן — אָבער אַ חידוש אמיתי מיינט[32] דאָך ניט נאָר אַז די זאַך איז פריער ניט געווען בגלוי בפועל, נאָר

---

26) ראה שמו"ר פמ"א, ו: וכי כל התורה למד משה כו' אלא כללים למדוהו כו'. וראה של"ה בהקדמה בית חכמה (כה, א־ב) ובמס' שבועות שם (הובא בקונט' עה"ח פל"א). סה"מ תפר"ח ע' קכח. וראה (באו"א קצת) שער מאמרי רז"ל להאריז"ל (למד"ר פ' חוקת). ועוד ביאור — שער רוה"ק (בהוצאת ת"א תשכ"ג — קח, ד) ושער הגלגולים הקדמה יז. וראה הנסמן לקמן הערה 28.

27) ראה לקמן ע' 386 ואילך (והערה 54) בנוגע למנהגי ישראל ותקנות כו'.

28) מנחות כט, ב. וראה שער מאמרי רז"ל שם. חדא"ג מהר"ל מנחות שם. עץ יוסף לע"י שם.

29) וי"ל שזהו ג"כ הביאור בהא דר"א הגדול „לא אמר דבר שלא שמע מפי רבו לעולם" (יומא סו, ב. סוכה כז, סע"ב. ולהעיר מתורת שלום שם: וואָס איך זאָג איז אַלעס זיינע) — דלכאורה תמוה: הרי בודאי לא הי' כל לימודו של ר"א רק חזרה על דברי רבו, ובודאי גם חידש בתורה (ובפרט שזהו חיוב, כדלקמן בפנים) — אלא שכל חידושיו של ר"א היו רק ע"פ הכללים ודרכי הלימוד המיוחדים של רבו.

30) אגה"ק סכ"ו (קמה, א). וראה הל' ת"ת לאדה"ז (פ"ב ס"ב): ולחדש כו'. ובזח"א (יב, ב) „לאפשה לה בכל יומא" (ולהעיר מתו"א מקץ לח, ג).

31) אגה"ק שם (ולהעיר מהל' ת"ת לאדה"ז פ"א סוס"ד). וראה (בענין החלק שיש לכאו"א בתורה) שער ההקדמות ושער רוה"ק שם. לקוטי מהרח"ו זלה"ה שבסוף שער מאמרי רז"ל.

32) כפי' חז"ל במש"נ (קהלת א, ט) אין כל חדש תחת השמש — פ"ח מח' פרקים להרמב"ם (וראה מפרשי המשנה אבות פ"ה מ"ו). ולכאורה צ"ע מסנהדרין קי, סע"א. וי"ל דשם א) הדיוק „יברא". ב) עדיפא מיני' משני לי'.

ולהעיר מפרש"י עה"פ: . . . אבל ההוגה בתורה מוצא בה תמיד חידושי טעמים וכו'.

**אויך אַז זי איז אפילו „בכח" ניט געוועזן. און וויבאַלד אַז דער דין פרטי איז געוועזן כלול (בהעלם) אין תורה ווי משה רבינו האָט זי געלערנט — וואָס דערפאַר זאָגט מען כנ״ל „**הכל ניתן **למשה בסיני" — איז ווי רופט מען דאָס פאַרט אָן בשם חידוש**[33]**?**

**איז דער ביאור אין דעם בדרך אפשר**[34]**: דער תואר חידוש איז ניט אַזוי מצד דער חפצא, דעם ענין הנלמד (אַז דער ענין איז אַ נייעס, וואָס איז פריער ניט געוועזן), נאָר (בעיקר) מצד דעם גברא —** אדם הלומד:

**דער ענין אין תושבע״פ ווי ער איז כלול אין תורה ווי זי איז געגעבן געוואָרן בסיני איז אויף אַזויפיל בהעלם**[35] **ביז אַז, כנ״ל, אפילו משה וואָס האָט געוואוסט אַלע כללי ואופני לימוד הפרט מן הכלל „לא הי׳ יודע מה הן אומרים",**

**און דעם פרט׳ס קומען לידי התגלות איז אַן אויפטו וואָס געהערט אינגאַנצן צום תלמיד ותיק. און דעריבער הייסט**

33) **אף שיש ענינים** שלא **נלמדו מתושב״כ, כמו מנהגים (שאינם דין דתושבע״פ ג״כ) (ראה לעיל הערה 27), „וגם כמה ענינים נתחדשו ממש בתושבע״פ ורק אסמכוה אקרא כו'" (המשך תרס״ו ס״ע שפג. ועד״ז בתו״ח פ' ח״ש קלד, ג. וראה גם במקומות שנסמנו בהערה הבאה) — מ״מ, מפשטות הלשון „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש" משמע, שגם דין הנלמד ע״י מדות שהתורה נדרשת בהן וכיו״ב (שהם רק — מן ההעלם (שבכלל) אל הגילוי) נק'** חידוש**, וכמבואר בהמשך תרס״ו (כנסמן בהערה הבאה). וראה הנסמן לעיל הערה 26.**

34) **ראה המשך תרס״ו ע' שפג. שצג. תד (בנוגע לתושב״כ ותושבע״פ).**

35) **להעיר מסה״מ תפר״ח (שצויין בהערה 26) „שבמ״ת נמשכה ונתגלתה התורה כמו״ש בבחי' כלל בשרשה** בחכמה הקדומה**", ושם לפנ״ז „במחה״ק** דא״ק**" — אבל זהו למעלה מגדר כלל ופרט המדובר בפנים.**

**עס אַ חידוש פון דעם תלמיד ותיק — וויבאַלד אַז** ער **האָט דעם גילוי הענין אויסגעהאָרעוועט** בכח עצמו**, דורך יגיעת שכלו, איז עס מצד אים אַן ענין חדש ממש.**

**און דאָס איז אויך איינער פון די טעמים**[36]**, פאַרוואָס די שלימות הנפש איז תלוי אין דעם ענין פון „לחדש שכל חדש" אין תורה:**

**דער אמת׳ער ענין פון שכל איז, אַז דער ענין שכלי ווערט ביים אדם** מושג ונתפס[37]**, ניט דורכדעם וואָס אַ צווייטער (וועמען ער גלויבט) פאַרזיכערט אים אַז דער ענין איז אַזוי, נאָר דורכדעם וואָס** ער**, בכח שכלו והבנתו הוא, פאַרשטייט אַזוי. און דערפאַר איז די שלימות פון שכל אין דעם ענין פון „לחדש", וואָס ווייזט אַז ער איז געקומען צום ענין שכלי אינגאַנצן בכח עצמו (כנ״ל).**

**און וויבאַלד אַז דער תכלית פון תלמוד תורה איז, אַז דער שכל האדם זאָל נתאחד ווערן מיט חכמתו ית' ב„יחוד נפלא" — דעריבער, ווערט די שלימות הנפש (וואָס דאַרף דערגרייכט ווערן דורך ת״ת) אויפגעטאָן דורך דעם וואָס דער אדם איז מחדש בתורה.**

**ו. דאָס איז אויך דער חילוק אין דעם ווי תורה איז געגעבן געוואָרן מלמעלה, און ווי זי ווערט דערנאָך געלערנט דורך אידן:**

**לקח טוב נתתי לכם**[38]**, מתן תורה, נותן התורה — איז דער עיקר הדגשה ווי דער לשון נתינה, די** נתינה מלמעלה**;**

36) **נוסף על המבואר באגה״ק שם (מצד העלאת הניצוצות כו').**

37) **תניא פרק ה, ע״ש.**

38) **משלי ד, ב. אבות פ״ו, ג.**

ביז אַז עס קען קומען אין דער נתינה — ע"ד ווי מען זעט ביי אַ רב ותלמיד דאָ למטה, ווען ביים רב לייכט דער שכל מיטן גאַנצן אורך רוחב ועומק, לערנט ער עם דעם תלמיד — בלשון חז"ל[39] — ב„דרך קצרה", ער גיט דעם תלמיד דעם קיצור, די נקודת השכל אָן פרטים. די נקודה איז אין זיך טאַקע כולל אַלע פרטי השכל[40], אָבער זיי זיינען דאָרט ניט ניכר ווי אַ מציאות פאַר זיך.

אָבער לאחר הנתינה (כולל גם הנתינה מהרב לתלמיד), איז דער עיקר — די הבנה והשגה וקליטה פון עניני התורה אינעם אדם המקבל, הלומד. און כדי אַז אַ דבר שכל זאָל נקלט ווערן ביים מענטשן, מוז ער נעמען און פאַרשטיין יעדן פרט פונעם שכל; און דוקא דורך דעם וואָס ער איז תופס יעדן פרט בפ"ע, ווערט ביי אים נקלט (דורך די אַלע פרטים) דער קיצור ונקודת השכל כדבעי ובשלימותה. ובדוגמא — פאַרשטיין אַ משנה (וואָס זי איז ב„דרך קצרה"[41]) לעומקה ובשלימותה איז דאָס דוקא נאָכן לערנען און פאַרשטיין וקולט זיין (לעיונא — וואָס דאַמאָלס איז דאָס תורתו[42]) כל פרטי אריכות הדינים והשקו"ט וכו' וועלכע זיינען אין ברייתא[43], סוגיות הש"ס וכו' אויף דער משנה.

ז. בדוגמא לזה י"ל אויך דער חילוק צווישן חסידות הכללית און חסידות חב"ד:

דער גילוי פון חסידות הכללית דורכן בעש"ט איז (דער עיקר הדגשה בזה) ווי זי קומט מלמעלה — מהקב"ה וצדיקים שדומין לבוראם[44]. און דערפאַר איז איי־נע פון די הויפט הדגשות פון חסידות הכללית אויפן ענין האמונה — „צדיק באמונתו יחי'"[45] — וואָס אמונה איז ניט אַ זאַך וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך דעם מענטשן, נאָר זי קומט מלמעלה[46], כולל אויך מאב (רב) לבן (תלמיד) — מאמינים בני מאמינים[47] — און דער אדם איז אַ „מקבל".

דורך דעם וואָס דער אַלטער רבי האָט אַראָפּגעטראָגן חסידות אין חב"ד (שכל האדם), איז געגעבן געוואָרן די אפש־ריות (ובמילא — די דרישה) אַז די ענינים פון חסידות זאָלן ווערן מובן (ביז — נקלט ווערן אין מענטשן דורך עבודה בכח עצמו[48]; ווען אַ איד האָרעוועט צו פאַרשטיין פנימיות התורה, תורת החסי־דות, ביז אַז דאָס לייגט זיך ביי אים אָפּ (נוסף מצד אמונה, אויך) מצד זיין השגת השכל[49], דעמאָלט קומט צו דער יתרון, אַז דער חיות אין עבודת ה' וואָס אים קומט צו דורך דעם איז אַן אויפטו פון דעם אדם העובד, אַ זאַך וואָס ער האָט מחדש געווען דורך זיין יגיעה.

39) פסחים ג, ב.

40) ראה בארוכה ביאוה"ז פ' אחרי עו, ד. ד"ה וידעת תרנ"ז (סה"מ תרנ"ז ע' מט). ועוד.

41) כלשון הרמב"ם שהמשנה „דבר קצר וכולל ענינים רבים" (הקדמתו לפיה"מ ד"ה אחרי כן).

42) ע"ז יט, א.

43) ראה תענית כא, א: אי איכא דשאיל כו'.

44) רות רבה פ"ד, ג. ועוד.

45) חבקוק ב, ד. וראה לקוטי דיבורים ח"א קמא, ב. ועוד.

46) ראה תניא פל"ג.

47) שבת צז, א.

48) ראה לקו"ד שם. ובכ"מ.

49) בלשון הידוע (תקו"ז ת"ו בסופו) יתפרנסון מהאי חבורא דילך וכפי' המקדש מלך (בהקדמתו לזהר): יתפרנסון . . כשיפורש להם אמיתיות מאמריו כו'. ובכסא מלך לתקו"ז שם: יתפרנסון . . יפורשו מאמריו העמוקים . . שיבינו כו' כי הלומד גירסא בעלמא כו'.

[און דערפאַר האָט דער ענין — די נתינת כח אַז מען זאָל קענען „מחדש״ זיין און אויפטאָן אין עבודה ע״פ חסידות בכח עצמו — געמוזט נתגלה ווערן דורך אַ נשמה חדשה דוקא].

ח. דאָס איז אויך וואָס כ״ק מו״ח אדמו״ר האָט געזאָגט אַז דער בעש״ט האָט באַוויזן ווי מען דאַרף דינען דעם אויבערשטן, און דער אַלטער רבי האָט באַוויזן ווי מען קען דינען דעם אוי־בערשטן:

דער חילוק צווישן „ווי מען דאַרף״ און „ווי מען קען״ איז: אין „ווי מען דאַרף״ הערט זיך אָן די הדגשה אויף דעם ענין ווי (מען דאַרף עס טאָן ווייל) ער ווערט געמאָנט מלמעלה און קומט מלמעלה; „ווי מען קען״ איז מדגיש די יכולת האדם אינעם ענין, דאָס וואָס ער קען אויפטאָן בכח עצמו.

אַוודאי ופשיטא אַז חסידות הכללית האָט אויפגעטאָן עבודה בפועל ע״פ דרכי החסידות, און נאָכמער — דער חיות פון חסידות הכללית נעמט דורך דעם מענטשן[50] ביז אין אַלע עבודות פרטיות — זיין דאַווענען, לערנען, מעשה המצות ביז „כל מעשיך״ — ווערן אַלע געטאָן אויף אַ גאָר הויכן אופן, מיט אַ חיות חדש;

וויבאַלד אָבער דאָס איז אַ חיות וואָס קומט מלמעלה — מצד אמונה — איז דאָס אַ חיות כללי[51], וואָס נעמט אַרום און נעמט דורך אַלע פרטי האדם בשווה; עס הערט זיך ניט אָן דער ענין ותוכן מיוחד פון דעם פרט אין עבודת ה׳, נאָר זיי זיינען אַלע חלקים ופרטים פון איין כלל.

ווי מ׳זעט אינעם ענין האמונה, אַז דער חיות וואָס זי ברענגט אַריין אין די פרטים פון עבודת ה׳, איז ניט מצד דעם תוכן פרטי פון יעדער עבודה, נאָר מצד דעם וואָס דער מענטש בכללו איז באמונתו יחי׳, ער לעבט מיט זיין אמונה, ווערן דערפאַר (בדרך ממילא) אַלע זיינע ענינים געטאָן מיט אַ חיות און געשמאַק.

דער אַלטער רבי האָט באַוויזן ווי מען קען דינען דעם אויבערשטן — ווי אַזוי דער מענטש האָט ביכולת צו שאַפן אַ חיות אין עבודת ה׳ בכח עצמו, דורך דעם וואָס ער האָרעוועט אויך בשכלו צו פאַרשטיין פנימיות התורה; ובמילא איז דאָס באופן, אַז עס ווערט אין יעדער עבודה פרטית אויפגעטאָן אַ נייער חיות, אַ חידוש, מצד דעם נייעם עומק וואָס ער האָט אין דעם תוכן פרטי פון דער עבודה[51].

ט. ע״פ כל הנ״ל וועט מען פאַרשטיין די צוויי נוסחאות הנ״ל בנוגע דעם חיות וואָס ח״י אלול ברענגט אַריין אין דער עבודה פון אלול:

מצד חסידות הכללית ווערט אַריינגע־בראַכט אַ חיות כללי אין אלול — אין אַלע סוגי עבודה (כנ״ל ס״א־ב) — אין אַן אופן אַז די פרטי עבודה הערן זיך ניט אָן ווי באַזונדערע ענינים.

אין פשוט׳ע ווערטער: אין דעם חשבון הנפש וואָס אַ איד מאַכט בחודש אלול, מצד הנ״ל — טראַכט ער בעיקר וועגן זיין מצב כללי אין עבודת ה׳. ער מוז טאַקע מאַכן אַ חשבון פרטי וואָס האָט זיך ביי אים געטאָן אין יעדן פרט אין עבודת ה׳ — אַנדערש וועט ביי אים ניט זיין קיין ריכטיקער חשבון — אָבער אים איז נוגע (בעיקר) דער צד השווה וסך־הכל פון זיין מצב, צי ער איז צוגעבונדן

50) ראה בארוכה לעיל ע׳ 245 ואילך.

51) ראה גם לעיל שם ע׳ 8־247.

כדבעי צום אויבערשטן אָדער ח״ו ניט כדבעי.

דער אַלטער רבי, האָט אויפגעטאָן דעם ענין פון עבודה (אין חסידות) בכח עצמו, אַריינגעבראַכט אַ חיות אין דער עבודה פון „אני לדודי ודודי לי״ — וואָס דער סדר (פריער „אני לדודי״ און דערנאָך „ודודי לי״) — ווייזט אויף דער עבודה וואָס הויבט זיך אָן מיט אַן אתעדל״ת[52] און דער קירוב פון אויבערשטן צו אים („ודודי לי״) ווערט אויפגעטאָן ביותר וביותר וויבאַלד עס קומט דורך זיין עבודה, זיין „יגעת״, וואָס ער פועל׳ט ביי זיך (בכח עצמו) דער „אני לדודי״.

און דאָס טוט אויף אַ חיות חדש אין אַלע סוגי עבודות פון חודש אלול, אַז זיי אַלע ווערן געטאָן אין אַן אופן פון „אני לדודי״ — עבודה בכח עצמו.

(משיחות ש״פ תבא, ח״י אלול, תש״ל)

52) ראה בארוכה ס׳ השיחות תש״ג ע׳ 177.